STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11970

ILUSTRIRTE GEOGRAFYE FUN ERETS YISROEL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MAP OF PALESTINE



מפת ארץ ישראל

די גרענעצען פון ארץ ישראל

THE BOUNDARIES OF THE LAND OF ISRAEL

דאָס לאַנד וואָס ווערט אָנגערופען ארץ ישראל געפינט זיך באַם ברעג פון מיטעללענדישען ים צו מערב זייט פון אזיען! פאַרצייטען איז דאָס לאַנד גע־רופען געוואָרען אויך ארץ כנען אויף חעם נאָמען פון די שבטים פון כנען וואָס זיינען אין איהר געזעסען. די פעל־קער פון דער וועלט רופען דאָס לאַנד ביז היינטיגען טאָג מיט דעם נאָמען פאַלעסטינא, אויף דעם נאָמען פון די פלשתים וואָס האָבען אין איהר גע־וואוינט פאַרצייטענס. אין תנ"ך ווערט דאָס לאַנד גערופען אויך „ארץ העברים", „ארץ ה'", „אדמת ישראל", „אדמת הקודש", „ארץ הצבי", „ארץ חמדה נחלת צבי".

די גרענעצען פון ארץ ישראל זיינען נישט געווען גלייך אין אַלע צייטען. די גרויסע און ברייטע ארץ ישראל ווי זי

On the edge of the Mediterranean Sea in Western Asia situates the country called the Land of Israel, in the very olden days it was called the Land of the aCnaanites, named after the Canaanith inhabitants, and today it is also called among the nations "PALESTINE" by the name of the Philistin who lived in the northern part of the country. In the Bible the country is named as "THE LAND OF THE HEBREWS" (Genesis 40, Chapter xv) "THE LAND OF GOD" (Jeremiah 2, Chapter vii) and (Hosea 9, Chapter iii) "LAND OF ISRAEL" (Ezekiel 2, vii) "HOLY LAND" (Zechariah Chap. xvi 2) "GLORIOUS LAND" (Daniel, Chap. xi 16), and was also



Colony "Rehoboth" — קאָלאָניע „רחובות"

called "HERITAGE OF GLORY" (Jeremiah, Chap. iv, 19).

The bonudaries of the country were not equalized at all periods. The grand and widened Land of Israel as it was promised to our Father Abraham extended her boundaries from the valley of Egypt (Vaad-ell-Arish) to the South and up to the river Prath (Peros) to the North in Mesopotamia, and from the Mediterranean Sea in the West to the Desert, "the Desert of Syria in the East" within these boundaries is included the land of Canaan, the Philistin, the whole area of Trans-Jordana; Edom, Gilod, Aman and Mohab, also the area of Edom (now SYRIA) to Aram-Naaraim—Mesopotamian. The extended boundaries

איז פאַרשפּראָכען געוואָרען צו אברהם אָבינו — זיינען איהרע גרענעצען געווען: פון דעם טייך מצרים (ודי־על־עריש) אין דרום זייט, ביז דעם טייך פרת אין צפון. און פון דעם מיטלענדישען ים אין מערב זייט ביז דער מדבר, דאָס איז די מדבר סוריה אין מזרח זייט. די דאָזיגע גרעניצען נעמען אַרום: דאָס גאַנצע לאַנד כנען און פלשתים, דעם גאַנצען עבר הירדן: אדום, גלעד, עמון ומואב און אויך דאָס גאַנצע לאַנד פון ארם. דאָס איז די איצטיגע סוריה, ביז ארם־נהרים וואָס איז באַוואוסט מיט דעם נאָמען מספּוטמיה. די גרענעצען פון ארץ ישראל, וואָס די עולי מצרים און עולי בבל האָבען באַזעסען, זיינען געווען פיל שמעלער און קלענער. בלויז אין די צייטען פון דוד ושלמה בעת דעם בית ראשון און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין די צייטען פון די חשמונאים



Colony "Hedera" — קאָלאָניע „חדרה"

און אויך אין די צייטען פון בית שני האָבען אידען איינגענומען די לאַנד כמעט אין די זעלבע גרעניצען ווי עס איז פאַרשפּראָכען געוואָרען בברית בין הבתרים.

לויט איר פּאָליטישער געאָגראַפישער גרויס גרעניצט זיך איצטער פּאַלעסטינא פון צפון זייט ביז די בערג פון לבנון, פון דרום זייט ביז מדבר סיני, פון מזרח זייט ביז דעם ים המלח און פון מערב זייט ביז דעם ים התיכון.

דער ירדן, וואָס לויפט כמעט דורך דער גאַנצער לענג פון לאַנד פון צפון קיין דרום, טיילט פאַנאַנדער, אויף א נאַטירליכען אופן, דאָס לאַנד אין צוויי חלקים: עבר הירדן — מערב זייט און עבר הירדן — מזרח זייט.

ווען דאָס לאַנד איז איינגענומען געוואָרען דורך יהושע, איז דאָס לאַנד איינגעטיילט געוואָרען לויט דעם צאָל פון די צוועלף שבטים. אין די צייטען פון רחבעם בן שלמה איז דאָס לאַנד פּאָליטיש איינגעטיילט געוואָרען אין צוויי קעניגרייכען: מלכות יהודה און מלכות ישראל. די ערשטע איז באַשטאַ־נען פון שבט יהודה און שבט בנימין, און די צווייטע איז באַשטאַנען פון די עשרת השבטים. אין די צייטען פון בית שני, איבערהויפּט אין די צייטען פון די מלחמות מיט די רוימער, איז דאָס לאַנד געווען איינגעטיילט אין פיר חלקים: יהודה, שומרון, גליל, עבר הירדן. די דאָזיגע איינטיילונג דערמאָנט צום ערשטען יוסף בן מתתיהו (מלחמות היהודים ספר ג', פרק ג'), אָבער ווי עס ווייזט אויס איז די איינטיילונג געווען באַוואוסט נאָך אין די צייטען פון בית ראשון, און דערפאַר געפינען מיר אין תנ"ך נישט בלויז די נעמען ארץ יהודה,

kept by the emigrants of Egypt and these of Babilonia was much more limited, but, only in the days of David and Solomon in the time of the first Temple (Beth-Hamikdash) and in sufficient measure also in the days of the Chashmonoim by the Second Temple, the land was invaded by the people of Israel near about the boundaries promised in the co-operative binding co-ordinations (Be-brith bain Habsorim). In accordance with her National division "PALESTINE" as is called among the nations, extends her borders now as follows: From the North to the Lebanon Mountains, south to the Desert of Sinai, East to the Dead Sea and West to the Mediterranean.

The Jordan River that flows from the North to the South divides the country by a natural division into two parts: West Trans-Jordana and East Trans-Jordana. When the country was invaded by Joshua, it has been divided in accordance with the number of the twelve tribes of Israel. In the days of Rechovom, son of Solomon, the country was divided in a form of Kingdoms, in two sovereignties, the sovereignty of Juda and the sovereignty of Israel. The first constituted the tribes Juda and Benjamin; the second constituted the other ten tribes. In the days of the second Temple and especially in time of the Roman wars the country was diveded into four different divisions: 1) the Land of Juda; 2) the

Land of Shomron; 3) the Land of Galil, and 4) the Land of Trans-Jordana. About these four country diviisons, is for the first time mentioned by Joseph, son of Mathityah (Hebrew war, book 3, chap. 3) but, as it is to be seen, it was known in the days of the first Temple, and therefore we do find in the scripts of the Bible, not only the partially divisions of the Land of Juda, Shomron and Trans-Jordana, but, also the Land of Galil, (Kings, book 1, chap. xi-9. The Land of Juda has included the Southern part of the Land of Israel, the part of Simon, Juda and Benjamin. The northern border was the city of Antipaters (today a ruined fort) near Petach-Tikvah) up to the House of Lovon (Beth-Lo-

שמרון ועבר הירדן, נאָר אויך דעם נאָמען ארץ הגליל (מלכים א', ט', י"א). אַלס ארץ יהודה איז דאַן פאַרעכענט געוואָרען דער דרום טייל פון ארץ ישראל, חלק שמעון, יהודה און בנימין. דער צפון גרענעץ איז געווען אַנטיפטרס (היינט צו טאָג אַ חרובער פעסטונג נעבען פתח תקוה.) ביז בית לבן, בית רימה וקרוחים וואָס איז אַרום דער שטאָט שכם און וואָס פון דאָרטען פלעגט מען ברייגנען וויין צו נסכים (מנחות פ"ו, ב'). ארץ שומרון האָט אריינגענומען די שבטים פון אפרים, מנשה און יששכר און האָט איבערגעהאַקט צווישען יהודה און גליל. איהר צפון גרעניץ האָט דערגרייכט ביז עמק ישראל און דער דרום גרעניץ פלעגט זיך ענדערען, אַמאָל האָט ער געגרייכט ביז לוד און אַמאָל ביז אנטיפטרס. אין מזרח זייט האָט די גרעניץ דערגרייכט ביז



Port and Custom House in Jaffa — פאָרט און קאַסטאַם הויז אין יפו

קרוחים און אין מערב ביז שרון פון יהודה.

דאָס לאַנד גליל איז נערעכענט גע־וואָרען אויף צוויי: גליל התחתון און גליל העליון, און האָט אריינגענומען אין זיך די שבטים: זבולן, נפתלי און אשר. גליל התחתון האָט זיך אָנגעהויבען פון דרום פון עמק יזרעאל, ביז דעם טאָל וואָס געהט דורך פאַרביי רמה וכפר חנניה אין מערב זייט פון צפת, און פון דאָרטען האָט זיך אָנגעהויבען דער גליל העליון — ביז צו די בערג פון לבנון.

דעם שטח פון לאַנד איז אונמעגלאַך אויף ריכטיג אויסצורעכענען פונקט ווי עס איז אונמעגלאַך צו באַשטימען אויף געווים איהרע גרענעצען. א טייל זיינען זיך משער, אז דער שטח פון דער גרוי־סער ארץ ישראל ווי זי איז אונז פאַר־שפּראָכען געוואָרען בברית בין הבתרים, דערגרייכט בערך 248,000 קוואדראטנע קילאָמעטער. נאָהענט צו דער גרויס פון איטאַליע אָדער העלפט די גרויס פון דייטשלאַנד.

דער ים וואָס גרעניצט אָפּ דאָס לאַנד אין מערב זייט ווערט אָנגערופען דער ים התיכון, ווייל דריי לענדער רינגלען איהם אַרום.

ים המלח געפינט זיך אין עק פון ערבות הירדן און ווערט אויך אָנגערו־פען ים הקדמוני, ווייל ער איז נאָך פריהער פון דעם ים התיכון. די לענג פון דעם ים המלח איז 80 קילאָמעטער, די ברייט איז בערך 13 קילאָמעטער און די טיף גרייכט אין אייניגע פּלעצער ביז 400 מעטער. וואונדערליך איז דער דאָ־זיגער ים מיט זיינע אייגענשאַפטען און נאַטור, זיינע וואַסערען זיינען די שווער־סטע פון אַלע וואַסערען אין דער וועלט, ווייל ער ענטהאַלט אין זיך 25 פּראָצענט שווערע מינעראַלען, ווי: זאַלץ, קאַלך,

von), Beth-Rimo and Kruchim in the vicinity of Nablus (Shchem) wherefrom it was brought the drink offerings (Nesochim) (Offering Minchas xxlvi, 2): The land of Shomron (Samaria) included the tribes of Efraim, Menash and Jesachar and stopped between the Land of Juda and Galil. The Southern boundaries eexended up to the Valley of Jesreel, and Northern border changed occasionally. Sometimes it reached Lud, and sometimes Atipaters, to the East bordering Kruchim and to the West up to the Valley of Shoron, belonging to Juda. The Galil Land was divided in two parts, Lower Galil and Upper Galil, and included the Tribes of Zbulun, Naftoly and Osher. Lower Galil started from the South of the Valley of Jezreel to the valley that passes by Roma and the village of Chananiah North of Safed, and from that point started the Upper Galilin the direction to the Lebanon mountains. "Concerning the Mizvos the country depended on the learned men of Israel," are dividing the country into three parts: Juda, Galil and Trans-Jordana, (Shivihith, chap. 9, Mishna ii).

It is impossible to estimate the exact area of the country, as it is impossible to scrutinize its boundaries. There are many who conjecture that the area of the Land of Israel as promised to our forefathers extends approximately about 82,000 km. or miles Brit. square, nearby

the area of Italy or half of Germany. The area of Palestine as comprehended by the Nations extends an area as to the opinion of scientists of about 80,000 km. square, as the area of the two countries Greece and Switzerland together. As to the opinion and calculations of Biologists is the Northern part from the Jordan to the Mediterranean nearly 29,000 km. square, such an area equals the area of Belgium, which counts six million inhabitants, instead. That in the whole Land of Israel the limited, the Eastern and the Western, with an extension of land of about 80,000 km. square is settled only by a population of about one million souls.

פּאַטאַש א. ד. ג. צוליב דער שווערקייט פון דער וואַסער איז שווער אַז אַ מענש זאָל אין איהם דערטרונקען ווערען אפילו ווען מען זאָל בינדען הענט און פיס. אין דעם ים המלח איז נישט פאַראַן קיין פיש אָדער אַן אַנדער לעבעדיגע באַשעפעניש, אפילו קיין שום גרעזעל וואַקסט אין איהם נישט, און דערפאַר רופען איהם פילע מענשען דער טויטער ים צוליב די פילע מינעראַלען וואָס געפינען זיך אין דעם ים ווי אויך אויף זיין גרונט ווערט דער ים המלח גערופען אויך מינעראַלען ים — די אַראַבער רופען איהם „באַכאַר לוט“, דאָס הייסט לוט׳ס ים, אויף דעם נאָמען פון לוט דער זון פון אברהם אבינו׳ס ברודער וואָס איז ניצול געוואָרען פון דער איבערקערעניש פון סדום און עמורה — דאָס איז די איבערקערעניש, וואָס לויט דער מסורה איז פון איהר געבוירען געוואָרען דער ים המלח.

Jaffa, King George Avenue — יפו, קינג דזשאָרדזש עוועניו

קורצער איבערבליק איבער די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל

אין יאָהר תרכ"ט האָבען אידען אָנגעהויבען צו גרינדען קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, באַשעפטיגען זיך אין זיי מיט ערד אַרבעט און אַלגעמיינע אַגריקולטורעלע ענטוויקלונג. זינט דאַן איז אין יהודה, שומרון און גליל געגרינדעט געוואָרען איבער 60 קאָלאָניעס.

I יהודה

מקוה־ישראל. איז אייגענטליך אַ לערע־אנשטאלט פאַר אַגריקולטור (ערד אַרבעט). געגרינדעט דורך די חברה „כל ישראל חברים" אין יאָהר תרכ"ט—תר"ל. דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען די ערשטע אידישע אַקער־אַרבעט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די פּוסטע פּעלדער פון „שרון". די קאָלאָניע געפינט זיך ביי „יפו".

OUTLINE OF THE JEWISH AGRICULTURE—

Settlements in the Holy Land

In the year of 1868, the Jewish people first started to rebuild Palestine and establish agricultural settlements in the Holy Land, occupying themselves in farming and other agricultural work. Since then, there were founded in Judea, Shomron and Gallilee, more than 60 settlements.

IN JUDEA

Mickve-Israel—This colony was established principally as a School for Agriculture, founded by the "Alliance Israelite" (Kol Israel Chaverim) in 1868-1869. Here was the beginning of the farming which spread all over the deserted "Sharon" fields. This colony is located within the territory of Jaffa.



Petach Tikvah — קאָלאָניע פתח תקוה

Petach-Tikva (Arabic "Umlebes") was founded in 1876, and is located on the South-eastern side of Jaffa. It has vineyards, almond gardens, olive plantations, orange groves and many other fruit-bearing trees, and fertilized fields; is populated by 3,900 people.

Ein Ganim. Nearby Petach-Tikva, was founded in 1907. Has orange groves. Population 236.

Risho-he-Zion (Arabic "Ein-Kara") was founded in 1881. Located on the North-eastern side of Jaffa; has a great many vineyards, almond gardens, olive plantations, orange groves, many other fruit-bearing trees, and the world's greatest wine cellar. Is populated by over. 1,400 people.

Nes Ziona (Arabic "Vaadi Chanin") founded in 1881; north of Rishon-he-Zion, has many vineyards and orange

פ ת ח - ת ק ו ה. איז געגרינדעט
געווארען אין יאהר תרל"ז, אין מזרח-
צפון זייט פון יפו. זי האט וויין-גערט-
נער, מאנדעל-גערטנער, אליוועז ביימער
און פארשיידענע פרוכט בוימער,
אראנדזש-פלאנטאציעס, זעה-פעלדער.
אירע איינוואוינער זיינען אומגעפער
3,500 נפשות.

ע י ן ג נ י ם. נאנט צו „פתח-
תקוה", איז געגרינדעט געווארען אין
יאהר תרס"ח. האט פאמעראנצען פלאנ-
טאציעס, מיט א באפעלקערונג פון ארום
300 נפשות.

„ר א ש ו ן ל צ י ו ן" (אראביש
„עין-קארא"). געגרינדעט אין יאהר
תרמ"ב, אין דרום-מזרח זייט פון יפו,
האט פילע וויין, מאנדעל און אליוועז
גערטנער, פאמעראנצען פלאנטאציעס
און פילע פארשידענע פרוכט ביימער,
דעם גרעסטען וויין קעלער אין דער
וועלט. האט א באפעלקערונג פון ארום
2300 נפשות.



The Port in Jaffa — דער פארט אין יפו

נ ס צ י ו נ ה (אָדער „וואדי־חאנין"). „געגרינדעט אין יאָהר תרמ"ב, אין דרום זייט פון „ראשון לציון". האָט פילע וויינטרויב־גערטנער, פּאָמעראַנצען פּלאַנטאַציעס, אויך פאַרנעמט מען זיך דאָרטען מיט בינען־ציכט. האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 250 נפשות.

ע ק ר ו ן (עאקר, אויך הייסט זי „מזכרת בתיה"). געגרינדעט אין יאָהר תרמ"ג, באַ אַ האַלבע שעה פון „נס ציונה". האָט פרוכטבאַרע פעלדער, אַליוועןביימער, און פאַרשיידענע פרוכט ביימער. אירע איינוואוינער זיינען אומגעפער 500 נפשות.

ר ח ו ב ו ת. געגרינדעט אין יאָהר תר"ן, באַ אַ שעה פון דער שטאָדט „ר אַ מ ל ע". האָט פילע וויינטרויב־גערטנער, אַליוועןביימער, און מאַנדעל־גערטנער. האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 1200 נפשות.

ג ד ר ה (אין אראביש „קאטרא"). אין מעריב זייט פון „עקרון". געגרינדעט אין יאָהר תרמ"ד. האָט וויין־גערטנער, מאַנדעל־גערטנער און גוטע זעה־באָדען. איז באַפעלקערט פון אַרום 230 נפשות.

ב א ר ־ ט ו ב י ה (קאַסטינע). אין דרום זייט פון „גדרה". געגרינדעט אין יאָהר תרנ"ו. האָט גוטען זעה־באָדען, פּלאַנטאַציעס, מאַנדעל־גערטנער, און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 200 נפשות.

ע ר ט ו ף (אין העברעאיש ווערט זי גערופען „הר־טוב"). אויפ'ן וועג פון דעם באַן (טריין) וואָס לויפט פון ירושלים קיין יפו. געגרינדעט אין יאָהר תרנ"ו. האָט פרוכטבאַרען באָדען. מאַנדעל גערטנער, מילכערייען, און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 180 נפשות.

ב ן ־ ש מ ן (אין אראביש „עריף"). אין צפון זיין פון „לוד". געגרינדעט אין

groves. Is mostly occupied in raising bees. Populated by about 250 people.

Ekron (Eaakar) (also Mazkereth Batyah), founded in 1880. Half hour from Vaadi Chanin. Has fertilized fields, olive plantations and many fruit-bearing trees.

Rechovoth—Founded in 1789, an hour from the city of Ramleh. Has many vineyards, olive plantations, almond gardens and a wine cellar. Populated by over 1,200 people.

Gderah (Arabic "Katra")—Northwest of Ekron. Founded in 1883, has vineyards, almond gardens and fertilized fields. Populated by over 200 people.

Baer Tunyah (Kastina)—North of Gdera; founded in 1893; has fertilized fields, plantations and almond gardens. Populated by over 190 people.

Artuv (Hebrew "Har-Toev)—At the Jaffa-Jerusalem railroad; founded in 1895; has fertilized fields, almond gardens and dairies. Populated by over 150 people.

Ben Shemen (Arabic "Beth-Aruf") South of the city of "Lud"; founded 1905; has fertilized fields, olive plantations, almond gardens and the "Herzel Wood" in its midst. Populated by over 120 people.

Motzah (Arabic "Colonia")—North of Jerusalem. Founded in 1893; has dairies, wine cellar, vineyards; is rich in water wells and clear air. Populated by over 70 people.

Calendia—Northwest of Mar-Ram.

Founded in 1913. A group of Jewish workers are planting woods there; in the surroundings grow fig trees and there are many vineyards.

Bear Shalom (also Bear Yakob)—Founded in 1897. Has vineyards. Populated by over 150 people.

Dilb (Hebrew, Kiryat Anavim) (Arabic, El Anab)—Founded 1912. Settled by a group of Jewish workers.

Ruchomo—Founded in 1914. Has almond gardens. Settled by about 40 people.

Chuldo—Founded in 1908. Has olive plantations and almond gardens. Populated by 30 people.

Kfar Uriah—Founded in 1911. Has grape yards and almond gardens. Populated by 35 people.

יאָהר תרס"ו. האָט פרוכטבאַרען באָדען, אָליווען־בוימער, מאַנדעל גערטנער. דער הרצל וואַלד איז אויף איר לאַנד, און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 150 נפשות.

מ ו צ ה (אין אַראַביש — קאָלאָניע). אין צפון זייט פון ירושלים. געגרינדעט אין יאָהר תרנ"ד. האָט וויין־גערטנער. מען מאַכט דאָרט וויין און מילכערייען. דער פּלאַץ איז רייך מיט קוואַל־וואַסער, און איז באַוואוינט פון אַרום 60 נפשות.

ק ל נ ד י ה. אין צפון־מעריב זייט פון „מער־ראַם", אויף שכם'ער וועג. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ד. דאָרטען געפינען זיך אַ גרופּע אידישע אַרבעטער וואָס באַשעפטיגען זיך אין באַוואַלדען דעם געגענד. אַרום זיינען דאָ פייגען־גערטנער און פילע וויין־גערטנער.

ב א ר ש ל ו ם (אויך „באר יעקב"). געגרינדעט אין יאָהר תרס"ח. האָט פילע וויינשטאָקן, און באַפעלקערט פון אַרום 150 נפשות.

ד י ל ב ("קרית יערים") אין דרום־



Mount Zion — הר ציון

מזרח, אַנטקעגען „אל־ענאַב". געגרינדעט אין יאָהר תרע"ג. עס געפינט זיך דאָרטען אַ גרופּע אידישע אַרבעטער.

רחמה. געגרינדעט אין יאָהר תרע"א. האָט מאַנדעל־גערטנער, און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 40 נפשות.

חלדה. געגרינדעט אין יאָהר תרס"ט. האָט אָליוועז בוימער, מאַנדעל גערטנער, און איז באַפעלקערט פון אַרום 30 נפשות.

כפר אוריה. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ב. האָט וויינשטאָקען, מאַנדעל גערטנער, און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 30 נפשות.

II שמרון (השרון)

זכרון יעקב (אין אַראַביש „זאַמאַרין"). נאָהענט צום „כרמל" באַרג. געגרינדעט אין יאָהר תרמ"ב. האָט פילע וויינשטאָקען, אָליוועז, פּאָמעראַנצען פּלאַנטאַציעס, אַ גרויסען וויין־קעלער, זעהר גוטע לופט און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 1200 נפשות.

חדרה. אויפ'ן ברעג פון דעם „אז־זאַרקאַ" טייך. געגרינדעט אין יאָהר תר"ן. (נעמט אויך אַריין די קאָלאָניע „חפצי־בה"). האָט מאַנדעלגערטנער, אָליוועז ביימער, פּאָמעראַנצען פּלאַנטאַציעס און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 350 נפשות.

בת־שלומה (אין אַראַביש — „אום־על־געמעל"). אין מזרח זייט פון „זכרון יעקב". געגרינדעט אין יאָהר תר"ן. וויין־גערטנער און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 80 נפשות.

שפיה. אין מזרח־צפון פון „זכרון יעקב". געגרינדעט אין יאָהר תרנ"ב. האָט וויינשטאָקען, פאַרשידענע פרוכט

II. SHOMRON (HASHORON)

Zichron Yakob (Arabic "Samarin") —Near Mount Carmel; founded in 1881. Has vineyards, olive plantations, and orange groves; a great wine cellar and a highly recommended air. Over 1,000 population.

Chidera—On the banks of the river Es-Saarka. Founded in 1909. (Includes also the colony Cheftzi Boh.) Has almond gardens, olive plantations, orange groves. Populated by about 150 people.

Bath Shlomo (Arabic, Um-el-Gemel)—East of Zichron Yakob; was founded in 1909. Has vineyards. Its population is about 80 people.

Shfeiyah—North-east of Zichron Yakob. Founded in 1890. Has grape arbors and a great many fruit-bearing trees. Population of about 50 people.

Atlith—Between Zichron Yakob and Haifa. Founded in 1911. Has fertile field. Population of about 110 people.

Givat Benyamin (Arabic, Shuni)—**Zara-Niyo** and **Tel Zur**, were founded in 1912. They have orange groves cared for by a population of about 120 setlers.

Marach—Founded in 1909. Fertilized field. Settled with about 35 people.

Kerkur—Founded in 1912. Grape arbors; with a population of about 30 people.

Tantura—On the Mediterranean seashore. The ancient city was with-

in "El-Buerg." Theer are very old ruins and fragments of the ancient harbor. There are a few settlers in this place.

Kfar Seba—North of Petach Tikvah. Founded in 1891; has almond gardens and olive plantations. Population of about 100 people.

Kfar Mil-Lal (in memory of Moses Leib Lilienblum)—Known also by the name of "Ein Chai" (Arabic, Bir-Adash). Founded in 1911. Has almond gardens. Population of about 30 people.

בוימער און א באפעלקערונג פון ארום 50 נפשות.

ע ת ל י ת. צווישען „זכרון יעקב" און חיפה. געגרינדעט אין יאהר תרס"ב. האט זעה־באדען און א באפעלקערונג פון ארום 150 נפשות.

ג ב ע ת ב נ י מ י ן (אין אראביש „שוני"), „זאראניע", אין „תל צור". געגרינדעט אין יאהר תרע"ב. האט פאמעראנצען פלאנטאציעס. די צאל פון איהר באפעלקערונג איז ביי 160 נפשות.

ט נ ט ו ר ה („דור" ווערט דאס גערופען אין מקרה). אויפ'ן ברעג פון מיטלאנדישען ים.

כ ר כ ו ר. געגרינדעט אין יאהר תרע"ג. האט וויינשטאקען און די צאל פון איהר באפעלעקערונג איז בא א 30 נפשות.

כ פ ר מ ל ' ל (אויפ'ן נאמען פון משה ליב ליליענבלום). עס ווערט אויך גערופען „עין־חי" (אין אראביש: „ביר־עדש"). געגרינדעט אין יאר תרע"ב. האט מאנדעל גערטנער און א באפעלקערונג פון ארום 30 נפשות.

כ פ ר ־ ס ב א. אין צפון זייט פון „פתח־תקוה". געגרינדעט אין יאהר תרנ"ב. האט מאנדעל גערטנער, אליווען ביימער, און א באפעלקערונג פון ארום 150 נפשות.



Tel Aviv — תל אביב

III. HAGALIL
(Lower Galil)

Segerah—Founded 1889. Has fertilized fields, with a population of about 330 people.

Yavnail (Arabic, Yeme) — About two hours from Tiberias, on the Southwestern side. Founded in 1881. Has fertilized fields and plantations. Population about 450 people.

Kfar Toveir (Arabic, Mescha)—At the foot of Mount Toveir, north. Founded in 1901. Has fertilized fields and plantations. Population of about 300 people.

M'nachemyah (formerly Melchamiyah) and (Abadyah)—On the bank of the Jordan, one hour from Tiberias. Founded 1901. Has fertilized fields and orange groves. Population of about 130 people.

III הגליל
דער נידעריגער גליל

סעג'ערא. געגרינדעט אין יאָהר תר"סח האָט זעה־באַדען און א באַפּעל־קערונג פון ארום 130 נפשות.

יבנאל (ימה). א צוויי שעה פון „טבריה", אין דרום־מעריב זייט. געגרינדעט אין יאָהר תרמ"ב. האָט זעה־באַדען און א באַפעלקערונג פון ארום 550 נפשות.

מנחמיה (פריער האָט דאָס געהייסען מלחמיה און „עבדיה"). אויפ'ן ברעג פון „ירדן", און א שעה פון „טבריה". געגרינדעט אין יאָהר תרס"ב. האָט זעה־באַדען, פּאָמעראַנצען פּלאַנטאַציעס און א באַפעלקערונג פון ארום 150 נפשות.

בית גן. געגרינדעט אין יאָהר תרס"ד. האָט זעה־באַדען און פּלאַנטאַציעס, און א באַפעלקערונג פון ארום 100 נפשות.



Colony Yabneel (Galilee) — קאָלאָניע „יבנאל" (גליל)

Beth G'en—Founded in 1903. Has plantations and fertilized fields. Population of about 90 people.

Kinereth—Southwest of the Galilian Sea. Founded in 1907; has fertilized fields, plantations and orange groves. Population of about 100.

Mitzpo (Arabic, Ein Katib)—West of the Galilian Sea. Founded in 1908. Has fertilized fields. Population about 40 people.

Dagania (Arabic, Um-G'Auni) — Founded 1909. Has fertilized fields, plantations, almond gardens and (Herzl Wood) in her midst. Population of about 40 people.

Migdal (Arabic, Medgedel)—Was founded in 1910. Has fertilized fields, olive plantations, almond gardens, orange groves, vineyards. Populated by about 50 people.

Merchaviah (Arabic, Fula)—In the

„כ נ ר ת". אין דרום־מעריב זייט פון דעם כנרת ים. געגרינדעט אין יאָהר תרס"ח. האָט זעה־באָדען, פּלאַנטאַציעס, פּאָמעראַנצען פּלאַנטאַציעס, און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 120 נפשות.

כ פ ר ת ב ו ר („מעסכע"), צופוסענס פון דעם „תבור" באַרג אין צפון זייט. געגרידעט אין יאָהר תרס"ב. זעהבאָדען, פּלאַנטאַציעס און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 350 נפשות.

מ צ פ ה (אין אַראַביש: „גן־קאַטאַב"). אין מעריב זייט פון ים כנרת. געגרינדעט אין יאָהר תרס"ט. זעהבאָדען און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 40 נפשות.

ד ג נ י ה (אין אַראַביש: „אום דזשיני"). געגרינדעט אין יאָהר תר"ע. האָט זעה־באָדען, פּלאַנטאַציעס, מאַנדעל גערטנער, אָליווען, אָרנאַדזש פּלאַנטאַציעס, וויינשטאָקען און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 50 נפשות. אויך אַ „הרצל"־וואַלד.



The Jordan — הירדן

valley of Izroel, at the foot of the mountain of Nebi-Dehi, near Affulo. Founded in 1911. Has over 100 settlers.

Poriyoh—Founded in 1910. Has fertilized fields, and almond gardens. Population is about 80.

Tel Adash—Founded in 1912. Has a population of about 50 souls. (A part of this colony is called Balfuria.)

Baitanyah—Founded in 1912. Has fertilized fields, plantations and orange groves. Population of about 30 people.

Kfar Chatin—At the Karn-Chatin mountain. Ground was bought there in 1877 (1,800 dunams). Is settled by a number of Sephardic Jews, mostly agriculturists. Has old Esrogim (citron) plantations.

מ ר ח ב י ה (אין אראַביש: „פולאה"). אין איזראַעל־טאָל (עמק יזראעל), צופוסענס דעם „נעבי דעכי" באַרג. נאָהענט צו „עפולה" געגרינדעט אין יאָהר תרע"ב. האָט אַ באַפעלקערונג פון אַריבער 100 נפשות.

„פ ו ר י ה. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ב. האָט פלאַנטאַציעס, זעה־באָדען, מאַנדעל גערטנער און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 80 נפשות.

ת ל ע ד ש. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ד. האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 60 נפשות. (אַ טייל פון איר ווערט גערופען „בלפוריה".)

ב ת נ י ה. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ד. האָט זעה־באָדען, פלאַנטאַציעס. פאָמעראַנצען גערטנער און אַ באַפעלקערונג פון אַרום 40 נפשות.

כ פ ר ח ט י ן. לעבען באַרג „קארן־כאַטין", לאַנד איז דאָרט געקויפט געוואָרען נאָך אין יאָהר תרל"ח (1800 דונאַם).



Olive Tree — עץ זית

IV. UPPER GALIL

Pkiin (Arabic, El-Ba[illegible]eah)—An old Jewish settlement. The Jews have been here since ancient times. Population of about 60 souls.

Rosh Pinah—At the foot of the Knaan Mountain, North of Safed, one hour off the road leading to the city of Damascus. Founded in 1881. Has fertilized fields, huckle-berry bushes and mulberry trees (for silkworms). Populated by about 500 people.

Yesod Amale—On the banks of the Lake Merom (Arabic, Bachr Sumchi). Founded in 1880. Has fertilized fields, bee-hives, orange groves, and a perfume factory. Populated by about 200 people.

Mishmor Hayarden (Arabic, Jiser-Bnei-Yakub)—On the banks of the Jordan. Founded in 1889. Has fertile fields. Populated by about 100 people.

Ein-Zeitim—North of Safed, a half hour away. Has many wells of good water, almond gardens, and olive trees. Populated by about 40 people.

Machnaim and **Charoh**—Close to Mishmor Hayarden." Were founded in 1898. Have fertilized fields and plantations. Combined population of about 40 people.

Metulah—Near Mount Chrmon. Founded in 1895. Has vineyards, almond gardens, many other fruit-bearing trees. Populated by about 250 people.

הויכער גליל

פ ק י ע י ן (אין אראביש: „על־בוקייאה"). זעהר אן אלטער אידישער ישוב. אידען דארט געבליבען נאך פון פארצייטען. האט א באפעלקערונג פון ארום 60 נפשות.

ר א ש פ י נ ה. צופוסענס פון דעם בארג „כנען", אין צפון זייט פון צפת. בא א שעה גאנג פון וועג וואס פירט צו „דמשק". געגרינדעט אין יאהר תרמ"ב. האט זעה־באדען. טוט־ביימער, זייד־פלאנצונגען און א באפעלקערונג פון ארום 500 נפשות.

י ס ו ד ה מ ע ל ה, ביים ברעג פון „מי מרום". געגרינדעט אין יאהר תרמ"ג. האט זעה־באדען, אראנדזשעס, א פערפום פאבריק, און א באפעלקערונג פון ארום 200 נפשות.

מ ש מ ר ה י ר ד ן (אין אראביש: „דזשיסער בינאט יאקוב"). אויפ'ן ברעג פון ירדן. געגרינדעט אין יאהר תר"ן. האט זעה־באדען און א באפעלקערונג פון ארום 90 נפשות.

ע י ן ז י ת י ם. אין צפון זייט פון צפת, בא א האלבע שעה. האט גוטע קוואלען, מאנדלען גערטנער, אליוועןביימער, און א באפעלקערונג פון ארום 35 נפשות.

מ ח נ י ם ו ח מ ד ה. זיינען נאהענט צו „משמר הירדן". זיינען געגרינדעט געווארען אין יאהר תרנ"ט. האבען זעה־באדען, פלאנטאציעס און א באפעלקערונג פון ארום 40 נפשות.

מ ט ו ל ה. נאהענט צום בארג „חרמון". געגרינדעט אין יאהר תרנ"ו. האט וויינשטאקען, מאנדעל גערטנער, פארשיידענע פרוכט ביימער, און א באפעלקערונג פון ארום 250 נפשות.

Ayeleth Ashachar—Founded 1916. Settled by a group of 15 workers.

Kfar Gilody—Founded in 1916.

Tel Chai—Founded in 1917. The last two setlements are branches of Metulah. Their populations total 35 people.

V. TRANSJORDANIA

Bnei Yehudah. East of the Galilian Sea, one hour's walk. Founded in 1892. Has a small population.

In the year 1893, many large tracts of land were purchased in Transjordania. They are **Saham-el Jolan, Naafah, Bustm,** and **Jolan.** Aş yet, no Jews have settled there.

א י ל ת ה ש ח ר. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ז. דאָרט געפינט זיך אַ גרופּע אידישע אַרבעטער פון אַרום 15 נפשות.

כ פ ר ג ל ע ד י. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ז.

ת ל - ח י. געגרינדעט אין יאָהר תרע"ט. די לעצטע צוויי קאָלאָניעס זיינען שוועסטער קאָלאָניעס פון „מטולה", זייערע איינוואוינער זיינען 30 אין צאָל.

VI פון יענער זייט ירדן

ב נ י־י ה ו ד ה. אין מזרח פון ים כנרת, באַ אַ צוויי שעה גאַנג. געגרינדעט אין יאָהר תרנ"ג. האָט אַ קליינע צאָהל איינוואוינער. אין יאָהר תרנ"ד איז געקויפט געוואָרען נאָך גרויסע שטרעקעס לאַנד. אויף יענער זייט „ירדן", ווי אין „סאחאם־על־דשעלאָן", „דשעילאָן", „נאַאפא", „בוסטאַם". אָבער דאָרט איז נאָך ניטאָ קיין אידישער ישוב.



David's Tower — מגדל דוד

JAFFA, PALESTINE

Jaffa is one of the most ancient cities in Palestine. It was formerly situated on the boundaries of the tribe of Dan, but not actually within its limits. Its Hebrew name means beauty, and this it really is. Its port has been renowned since Primitive Times, and to it, ships plied to and from distant lands. To it were forwarded the Lebanon Cedars for the construction of the Temple both in the days of King Solomon and Ezra. Jonah too here found means of escape to Tarshish. At the commencement of the nineteenth century, the Jews began to settle, and after an elapse of five years, it mustered about 30 families. The last 25 years have performed much towards the development of Jaffa, its progress in

יפו, פאַלעסטינא

יפו איז איינע פון די עלטעסטע שטעדט אין פּאַלעסטינא. זי איז פריהער געוועזן אויף דעם גרענעץ פון שבט דן, אָבער ניט אין גאַנצען אויף דער גרענעץ. איהר העברעאישער נאָמען יפו, באַדייטעט שעהנהייט און דאָס איז ווירקליך אַזוי. איהר האַפען איז באַוואוסט פון אַלע צייטען און צו איהר קומען אַריין שיפען פון ווייטע לענדער. אַהער זיינען אַריין געבראַכט געוואָרען די צעדער־בוימער פאַר דעם אויפבויען פון דעם בית המקדש אין די צייטען פון שלמה המלך און עזרא. יונה הנביא זיע"א האָט דאָ אויך געפונען אַ וועג צו אַנטלויפען קיין תרשיש. אין דעם אָנפאַנג פון דעם נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט האָבען זיך די אידען אָנגעהויבען צו באַזעצען דאָרטען, און אַז פינף יאָהר זיינען אַריבער איז שוין דאָרטען געוועזן 30 פאַמיליעס. פאַר די לעצטע 25 יאָהר האָט זיך די



Old Jaffa — יפו העתיקה

שטאָדט זעהר פארגרעסערט. דער האַפען פון יפו איז דער הויפט אָרט פון עקס־פּאָרטירען פּאַלעסטינער פּראָדוקטען און פון אימפּאָרטירען אַלערליי פּראָדוקטען און סחורות. שיפען פון אַלע לענדער קומען אריין אין יפו'ער האַפען און זיינען רעפּרעזענטירט ביי זייער אגענ־טורען.

דער ירדן

דער ירדן איז דער לענגסטער טייך אין פּאַלעסטינא און ער לויפט דורך דעם לאַנד פון צפון צו דרום. ער האָט דריי אורשפּרינגען אין חרמון, דאַן קומען זיי צו זאַמען און לויפען דורך די אָזיערע פון מרום און גענעזארא, דרעהט זיך דורך דעם טאָהל פון ירדן און פאַלט אריין אין דעם טויטען ים. דער ירדן האָט עטליכע שוועבעל בעדער אויף ביידע זייטען, וועלכע ווערען פאַרטרו־קענט אין זומער און דאָס מאַכט דעם ירדן איבערפליסיג אין אביב (פריהלינג), די וואַסערען ווערען זעהר נידעריג אים זומער, אַזוי אַז אין עטליכע פּלעצער קאָן מען דורך געהן דעם טייך צו־פוס. דער אָנפאַנג פון טייך איז קלאָהר, אָבער ווען ער פליסט איבער פון גענעזארא, ווערט ער זעהר בלאָטעדיג צוליעב די כוואַליעס. דער ירדן האָט אַ סך פיש. פיעלע פון די וואַנדערער פּילגרימען קומען צו דעם ירדן צו באָדען זיך אין זיינע וואַסערען, וועלכע ווערען פאַרעכענט פאַר הייליגע.

עיר הקודש ירושלים.

די הייליגע שטאָדט „ירושלים“, וואָס איז די קרוין פון אַלע לענדער, און פאַר־הייליגט ביי אַלע נאַציאָנען, האָט מעהר חורבנות דורכגעמאַכט ווי אירגענד וועלכע שטאָדט אויף דעם ערד־קוגעל און מיט גאָט'ס גנאָדע עקזיסטירט זי נאָך

part is due to the numerous tourists who visit it annually. The Port of Jaffa is the principal seat for the exportation of Palestinian products and the importation of foreign manufactured goods. Ships of all countries visit it and are here represented by their agencies.

THE JORDAN

The Jordan is the longest river in Palestine and runs through the country from North to South. It has three sources in Hermon, after having joined each other, it runs swiftly down, flows through the lakes of Merom and Genezerath, winds zigzag through the fruitful Jordan valley, and falls into the Dead Sea. The Jordan receives several tributaries on both sides most of which are dried up in summer and cause the Jordan to overflow its banks in spring, wereas in summer it sinks so low that in several places one is able to cross the Jordan on foot. The upper part of the river is clear, but leaving Genezerath it becomes muddy on account of its rapid current. The Jordan abounds with many fish.

THE HISTORY OF THE HOLY CITY JERUSALEM

The holy city of Jerusalem which is the pride of the whole world and held sacred by all nations, had been

visited by more destruction than any other city in the world. With the aid of God she still exists at the present day and grows larger from day to day, for the Lord builds Jerusalem for the Jews, whom he will some day gather there.

The first destruction visited Jerusalem in the times of Rehovam, by the King of Egypt. The city suffered the second desruction by the Arabians in the times of Yehorom. The city was destroyed for the third time by the Aramites in the times of Yeoash. The fourth destruction visited the city in the times of Amatziah by Yeaosh, the King of Israel.

The city was destroyed for the fifth time by the Egyptians in the times of Yehoachaz. Through all these calamities, the city did not receive such bad treatment as at the hands of Ne-

הײנט אויך, און װערט פון טאָג צו טאָג גרעסער, װײל גאָט בויעט ירושלים (בונה ירושלים ה') פאַר די אידעלאַך װעלכע ער װעט אין איהר צוזאַמענ ברענגען (נדחי ישראל יכנס), במהרה בימינו אמן.

דעם ערשטען חורבן האָט ירושלים דורכגעמאַכט פון מלך מצרים אין די צײטען פון רחבם מלך ישראל. דעם צװײטען חורבן האָט זי געליטען פון די אַראַבער אין יהורם'ס צײטען. דאָס דריטע מאָל איז זי חרוב געװאָרען דורך די ארמים אין די צײטען פון יואש המלך. דעם פיערטען מאָל האָט זי געליטען אַ חורבן דורך יואש המלך אַלײן אין די לעצטע צײט פון אמציה. דעם פינפטען מאָל האָט זי חרוב געמאַכט דער מלך מצרים אין די צײט פון יהואחז. דעם זעקסטען מאָל האָט זי דורכגעמאַכט דעם גרעסטען חורבן דורך נבוכדנאצר דער קעניג פון בבל. ער האָט אָהן ערבאַרמונג פאַרװיסטעט די הײליגע שטאָדט, איהרע

Water Carriers — אַ קװאַל אין ירושלים

buchadnezer, the King of Babylon. Without mercy he brought destruction upon the whole city, slaughtered the children of Israel and the remainder he scattered into different countries, and completely broke kingdom and the pride of the children of Israel.

Seventy years later, God awakened the heart of Cyrus, the king of the Persians, and he permitted the Jews in his lands to return to their old home and rebuild Jerusalem, fortify the walls of Jerusalem, build up again the Holy Temple (Beth Hamikdosh) and live under their own rule.

King Alexander Mukden had captured the city of Zor, he entered Jerusalem and treated the people with kindness. Later, when his successor began to rule, the city was captured, the Jews were exiled to Alexandria. Egypt and Jerusalem became the prey of the King of Assyria.

The Jews were under the yoke of the king of Assyria until the Maccabeans appeared and proclaimed their freedom and then reestablished a small kingdom. However, when Aristobolus of the Greeks with his brothers disputed about the division of the kingdom and called Pompeus of Rome to aid them, the city of Jerusalem fell into the hands of the Romans.

When Titus "the Cruel" later besieged the city and captured it, he completely destroyed Jerusalem, burned all its buildings and took with him to Rome many holy objects that

איידעלסטע קינדער פארטריבען אין פארשיעדענע לענדער, און גענצליך געבראכען דעם שטאלץ פון ישראל.

מיט זיבעציג יאהר שפעטער האט גאט ערוועקט דאס הארץ פון כורש דער קעניג פון די פרסיים, וועלכע האבען אין פארלויף פון די 70 יאהר געהאט פארטיליגט דאס מלכות בבל, און דער כורש האט ערלויבט די אידען פון זיינע מדינות האט ערלויבט די אידען פון זיינע מדינות זיי זאלען צוריקגעהן אין זייער אלטע היים; און אויפבויען ירושלים, באפעסטיגען די מויערען, צוריק הערשטעלען ריין דעם בית המקדש, מקריב זיין קרבנות, און אליין זיך רעגיערען.

דאס קעניגרייך אשור האט ווידער באצוואונגען די שטאדט ירושלים, און האט פיעל פון די גרעסטע לייט אין שטאדט פארטריבען אין אלכסנדריה, און ירושלים איז געקומען אונטער שוץ פון אשור, און האט געמוזט צאהלען א יעהרליכען שטייער.

שפעטער איז ירושלים איבערגעגאנגען אונטער דער יאך פון אנטיוכוס מלך יון, וועלכער האט געוואלט גייסטיג טויטען די גאנצע אידישע נאציאן, נאר די העלדישקייט פון די „חשמונאים" האט געראטעט די אידען פון שאנדע, און ירושלים איז געווארען זעלבסט־שטענדיג, ביז אריסתובלים מיט זיינע ברידער האבען זיך צוקריגט וועגען די קרוין, און האבען גענומען פומפיוס דעם רוימישען הערשער צו הילף.

דאן איז ירושלים געקומען אונטער דער רוימישער שוץ, און האט זיך טרויעריג געוואקעלט ביז „טיטוס" האט זי גענצליך צעשטערט און פארוויסט.

גאנצע 48 יאהר איז ירושלים געבליבען וויסט און לעער, ביז אנדרינוס קיסר האט זי ווידער אויפגעבויעט, האט איהר

he collected there. This destruction exceeded all former calamities, for following that, the city remained in a devastated condition for forty-eight years.

When Hadrianus become emperor, he had the city rebuilt and gave it the name of Elia Capitalina, and prohibited the Jews from entering the city. On one day only during the year were the Jews allowed to enter the city, and for that privilege they were forced to pay.

When Julian became emperor in the year 121, a great change took place. He ordered all the gates to be thrown wide open, and permitted the Jews to enter the city freely. He was a very kind-hearted and sympathetic ruler, and bestowed many favors upon the Jews. He also ordered the rebuilding of the Holy Temple, and work was

אַ נאָמען געגעבען „עליא־ קאַפּיטאַלנע״. ער האָט אָבער קיין יהודי ניט אַריינגע־לאָזט אין שטאָט, נור איינמאָל אין יאָהר האָבען אידען געקאָנט אַריינקומען אין ירושלים, זיי האָבען אָבער געמוזט אַ גרויסע סומע געלד געבען פון קאָפּ פאַר די ערלויבעניש.

נאָך איהם האָט געהערשט אין רוים דער קיסר „יוליוס״ וואָס איז געווען אַ מלך־חסד, און האָט ערלויבט די שטאָדט ירושלים פריי פאַר אידען. ער האָט זאָ־גאַר געוואָלט צוריק אויפבויען דעם בית המקדש, אָבער ווי נור די אַרבייטער האָ־בען אָנגעפאַנגען צו רייניגען דעם פּלאַץ און צו גראָבען פונדאַמענטען, האָט אַרויס געשאָסען אַ פייער פון אונטער דער ערד, און האָט צושטערט די גאַנצע אַרבייט, אויך פיעל פון די אַרבייטער זיינען „געטויטעט״ געוואָרען, און מען האָט געמוזט אויפגעבען די אַרבייט.

שפּעטער איז ירושלים איבערגעגאַנ־גען אין די הענד פון די „נוצרים״, דאַן



Jerusalem from the Mount of Olives — ירושלים מהר הזיתים

ווידער צוריק אונטער די פרסיים, נאכ־
הער צו די אראבער (ערביים), אזוי איז
אונזער היילינטהום איבער־געגאנגען פון
איין ווילדען קעניגרייך צום אנדערען,
ביז עס איז געקומען אונטער דעם ערש־
טען טערקישען סולטאן „סעלים“.

מיט 95 יאהר צוריק (תקצ“ב),
האט דער קעניג פון עגיפטען מחאמר־עלי
באזיעגט דעם סולטאן סעלים, און האט
באהערשט ירושלים אכט יאהר, אבער
אין יאהר ת“ר, האט דער סולטאן סו
ליימאן, די שטאדט צוריק אפגענומען
פון מצרים, און האט זי באפעסטיגט מיט
מויערען ארום די שטאדט, און מיט
זעהר שטארקע טויערען, די דיק פון די
מויערען זיינען 5 איילען ברייט, און די
הויך ביז 4 שטאק אלעס איז פארזארגט
אין שטאדט ווי אין א רעגעלע „פעס־
טונג“ אין צייט פון א מלחמה.

עס איז אן אלטער מנהג אין ירושלים,
יעדען חול המועד, געהען מענער, פרויען
און קינדער ארויף אויפ׳ן מויער, און
געהען ארום דעם גאנצען פעסטונג,
מקיים צו זיין דעם פסוק „סובו ציון
והקיפוה“, דאס מיינט: רינגלט ארום
ציון און קרייזט זי.

די טויערן אין׳ם מויער פון ירושלים
זיינען 5, אלע זיינען זיי שטארק בא־
פעסטיגט מיט אייזען, און ווערען יעדע
נאכט באוואכט און פארשלאסען, עקס־
טרא איז דא איין טויער אין מזרח זייט
פון ירושלים וועלכעס רופט זיך „שער
רחמים“, דער טויער איז אבער פאר־
לייגט מיט פיעל שטיינער, און מען קען
ניט דורכגעהן דעם טויער.

דער הויפט־טויער רופט זיך „יפו־ער
טויער“, ווייל דורך דעם טויער קומט
מען אריין אין שטאדט פון יפו, אויף
אראביש רופט מען דעם טויער „באב־
איל־חאליל“.

immediately begun. Men were put to work to clean away the dirt and debris, and foundations were laid. During this stage of the work, volcanic eruptions and an earthquake occurred and many of the laborers lost their lives in the fire. All work had to be stopped.

Later, the kingdom fell into the hands of Nazarine, then under the rule of the Persians, and from the Persians it was transferred to the Arabians and thus it continued from one to another, until the reign of the first Turkish Sultan Selim, when it fell into the hands of the Turks in the year 277, and from that time until the year 1916 it has remained under the rule of te Turks.

In the year 592 A. C. the city was captured by Mohammed-Alli, the King of Egypt, but in the year 600, 98 years later, the city was recaptured by the Sultan Sulliman, and then the Turks built around Jerusalem the large steep wall with its heavy iron gates. This wall measured five yards in thickness and about three or four stories in height. Within the city steps were built alongside the wall, which were to be used to mount the wall in case of war. This wall has five large iron gates. One of these gates on the eastern side of the wall is completely covered with rocks and is called "Shaare Rachmim". The other gates are: First, the Jaffa Gate, Second is the Damascus or "Shchem" Gate, so called because it leads into the city of Shchem. The third is called

Zion Gate, because from this gate one arrives into the city of Zion, where the tomb of king David is located. The fourth gate is called the Lion Gate, because there are statues of two big lions at the entrance. The fifth is called the Small Gate, because it is really the smallest of all. From this gate the dead are carried out of Jerusalem to the Mount of Olives.

In the city, near the Jaffa Gate, there is a large building, strongly built, called the Tower of David. This building is occupied by a garrison of soldiers and contains magazines and a storage of gun-powder and weapons. Further into the city and not far from the wailing wall there is a large beautiful building, with large windows and strong iron bars. Within this building is established a Kitchen for non-Jewish, poor people. The city and

דעם צווייטען טויער רופט מען „שכמ'ער טויער", ווייל דורך איהם קומט מען אריין פון די שטאָדט שכם. דער טויער האָט איבער זיך צוויי גרויסע זיילען, דאדורך רופען איהם די אראַבער: „באַב איל־עמוד".

דער דריטער טויער רופט זיך, „ציון'ס טויער", ווייל דורך דעם טויער קומט מען ארוים אין ציון, וואו די רעזידענץ פון די „מלכי בית דוד" איז געווען, און וואו די קברי מלכי בית דוד זיינען. די אראַבער רופען דעם טויער: „באַב איל נעבי דאהוד".

דער פיערטער טויער רופט זיך „לייבען־טויער", צוליעב די צוויי לייבען וואָס זיינען איבער איהם אויסגעהאַקט, אויף אראַביש הייסט דער טויער „באַב איל סייבעת".

דער פינפטער טויער רופט זיך „מעריב־טויער", און אויף אראַביש „באב איל מערבי", ווייל נעבען דעם טויער וואוינען אַלע וואָס קומען פון



Tower of the Mount of Olives — שער הר הבית

its suburbs have fine hospitals where many expert physicians are engaged.

There are also several fine buildings, which are occupied by the foreign consulates, Austrian, German, English, French, Russian, etc. There are also several fine buildings, built by Sir Moses Montefiore and dedicated by him to the poor of the city. There are many houses of worship, but only two Synagogues within the city. These are the "Chassidisha" and the "Prushisha" Synagogues. Splendid buildings, the likeness of which cannot be found elsewhere. People of different nationalities visit these Synagogues to make paintings and take photographs of them. These Synagogues are occupied day and night by its worshippers, who continually study and pray. There is also a "Sephardisha" Synagogue called the "Rabbi Yechonon

נעבען ביי דעם יפו׳ער טויער שטעהט די אַלטע פעסטונג פון דוד המלך וואָס רופט זיך „מגדל דוד“, די טערקישע רעגירונג באַנוצט די פעסטונג פאַר א קאַזאַרמע פאַר מיליטער און פּאָליציי, אויך פאַר א פּולווער און געוועהר הויז.

נאָך זעהר אַן אַלטע פעסטונג שטעהט נעבען דעם „הר הבית“ ביי דער זייט פון כותל המערבי, אין וועלכען עס איז יעצט אַן אַראַבישע פאָלקס־קירכע, און רופט זיך „מטבח אל פאַקירא“, וואו אָרימע אַראַבער באַקומען גאַנץ פריי צו עסען יעדען טאָג, מען ווייס אָבער ניט צו וועלכען צוועק די אַלטע מויער איז געברויכט געוועזען.

דער טייך סילוואָן

דער טייך פון סילוואַן אָדער גיחון, ליגט אין אַ קליינע הייל אויסגעשניטען פון פעלזען שטיין אויף דעם דרום זייט פון הר המורי׳. איינער קאָן אַרונטער



Nablus Gate — שער שכם

Ben Zaccais Shuhl", a very beautiful buildings. In this place Eliah the Prophet appeared before Rab Sholem Scharbi. In times of trouble and danger, pious men are sent to this Synagogue to pray. There is also a "Yeshivah" called "Medresh Beth-El," founded by Rab Sholem Scharbi,

On the other side of the Mount of Olives is the wonderful "Mikwah", which at the present time is again opened. It was the intention of these Englishmen to dig a tunnel to the place of the Temple, to obtain many antiques which they coveted. They did not succeed in this, but bribed a guard and from him obtained permission to enter the place of the Temple, where they succeeded in securing many valuable antiques, and until the present day no one knows what they had stolen and taken with them.

